# Quelques dates

## 1918

אין נאָוועמבער ווערט פּראָקלאַמירט די ווײַמאַרער רעפּובליק. וואָפֿן־שטילשטאַנד.

Novembre : proclamation de la République de Weimar. Armistice.



1.

## 1919

Début d'une vague de pogroms en Ukraine (jusqu'en 1921).
Juin : traité de Versailles.

אָנהייב פֿון אַ פּאָגראָמען־כוואַליע אין אוקראַיִנע (ביז 1921). אין יוני : ווערסאַלער אָפּמאַך.

## 1921

אין דײַטשלאַנד : אָנהייב פֿון דער היפּער־אינפֿלאַציע. צופֿלוס יִדיש־ און רוסיש־רעדנדיקע יִדישע עמיגראַנטן ווי אַ פּועל־יוצא פֿון די פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע און פֿון דער עקאָנאָמישער אומסטאַבילקייט אינעם סאָוועטישן רוסלאַנד. אין בערלין קלײַבט זיך צונויף אַ קאָלאָניע יִדישע שרײַבער, קינסטלער און פֿאָרשער.

Allemagne : début de l'hyperinflation.
Suite aux pogroms en Ukraine et à l'instabilité économique en Russie soviétique, vague d'immigration juive russophone et yiddishophone. Une colonie d'intellectuels juifs (écrivains, artistes, chercheurs) se forme à Berlin.

## 1922

La Vilner trupe (Troupe de Vilnius) en tournée à Berlin et Paris avec la pièce *Le Dibbouk*.
À Berlin : essor de l'édition yiddish. Début de la publication de *Milgroym / Rimon* (1922-1924), revue d'art et de littérature en yiddish et en hébreu. L'écrivain Perets Markish voyage entre Berlin, Paris et Londres avec le projet d'éditer le n° 2 de la revue d'avant-garde *Khalyastre* (La Bande).

די ווילנער טרופּע גאַסטראָלירט אין בערלין און פּאַריז מיט אַנ–סקיס דיבוק. אין בערלין : אויפֿבלי פֿון יִדישע פֿאַרלאַגן. עס הייבט אָן אַרויסגיין מילגרוים / רימון (1924–1922), קונסט־ און ליטעראַטור־זשורנאַל אויף יִדיש און העברעיִש. דער שרײַבער פּרץ מאַרקיש פֿאָרט אַרום צווישן בערלין, פּאַריז און לאָנדאָן מיטן פּראָיעקט אַרויסצוגעבן דעם 2טן נומער פֿון דער אַוואַנגאַרד־צײַטשריפֿט כאַליאַסטרע.

## 1923

הויכפּונקט פֿון דער היפּער־אינפֿלאַציע אין דײַטשלאַנד, נאָך וועלכן עס קומט אַ תּקופֿה פֿוןווירטשאַפֿטלעכער סטאַביליזאַציע. אורי־צבֿי גרינבערג פֿירט אַריבער זײַן וואַרשעווער אַוואַנגאַרדיסטישע צײַטשריפֿט אַלבאַטראָס קיין בערלין. דער מאָלער מאַרק שאַגאַל און די שרײַבער עוזר וואַרשאַווסקי און זלמן שניאור באַזעצן זיך אין פּאַריז נאָך אַ צײַט אין בערלין.

Apogée de l'hyperinflation en Allemagne avant une période de stabilisation économique. Le poète Uri-Tsvi Grinberg transfère sa revue varsovienne d'avant-garde *Albatros* à Berlin. Le peintre Marc Chagall et les écrivains Oser Warszawski et Zalman Shneour s'installent à Paris après avoir séjourné à Berlin.

## 1924

À Paris, publication du n° 2 de *Khalyastre* édité par Perets Markish et Oser Warszawski, illustré par Chagall. L'écrivain Dovid Eynhorn quitte Berlin pour s'établir à Paris.

אין פּאַריז : עס דערשײַנט דער 2טער נומער כאַליאַסטרע, רעדאַגירט דורך פּרץ מאַרקיש און עוזר וואַרשאַווסקי, מיט שאַגאַלס אילוסטראַציעס. דער שרײַבער דוד איינהאָרן פֿאָרט אַריבער פֿון בערלין קיין פּאַריז.

## 1925

אַ גרופּע פֿאָרשער אין בערלין (צווישן זיי נחום שטיף, מאַקס ווײַנרײַך און אליהו טשעריקאָווער) גרינדט דעם יִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט (ייִוואָ). נאָך אַ צײַט אין בערלין פֿאָרט אַ טייל יִדישע אינטעליגענטן צוריק אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

Le YIVO (Institut juif de recherches) est fondé à Berlin par un groupe de chercheurs yiddishophones (dont Nokhem Shtif, Max Weinreich et Elye Tsherikover). Une partie des intellectuels juifs réfugiés à Berlin rentre en URSS.

## 1926

אין פּאַריז : שלום שוואַרצבאַרד דערשיסט סימאָן פּעטליוראַן, וועמען מע האַלט פֿאַרן הויפּט־פֿאַראַנטוואָרטלעכן פֿאַר די פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע. וואַרשאַווסקי גיט אַרויס די ליטעראַרישע רעווי מיט שאַגאַלס אילוסטראַציעס. נאָך אַ פּאָר יאָר אין בערלין באַזעצט זיך דער מאָלער יששׂכר־בער ריבאַק אין פּאַריז.

À Paris, Sholem Schwartzbard abat Simon Petlioura, considéré comme responsable des pogroms en Ukraine. Parution de la *Literarishe revi* (Revue littéraire), éditée par Warszawski et illustrée par Chagall. Le peintre Issachar Ber Ryback s'installe à Paris après avoir passé quelques années à Berlin.



2.



3.

## 1927

Schwartzbard est acquitté à la suite d'un procès très médiatisé au cours duquel ont été utilisées des archives sur les pogroms des années 1919-1921 transférées de Berlin à Paris par l'historien Elye Tsherikover. La société des Amis du YIVO est établie à Paris.

שוואַרצבאַרד ווערט פֿרײַגעזאָגט נאָך אַ גרויסן פּראָצעס, צו וועלכן מע ניצט אויס די פּאָגראָמען־דאָקומענטאַציע וואָס דער היסטאָריקער אליהו טשעריקאָווער ברענגט פֿון בערלין קיין פּאַריז. די געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פֿון ייִוואָ ווערט געגרינדט אין פּאַריז.

7.


# כראָנאָלאָגיע

**1929**

La grande majorité des intellectuels yiddishophones présents à Berlin au début des années 1920 a quitté la ville.

ס׳רובֿ ייִדישע אײַנגעוואַנדערטע אינטעליגענץ וואָס איז געווען אין בערלין אָנהייב 1920ער יאָרן האָט שוין פֿאַרלאָזן די שטאָט.

**1931**

אין בערלין ווערט געשאַפֿן דער דובנאָוו־פֿאָנד מיטן ציל אַרויסצוגעבן די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אויף ייִדיש אין 10 בענד.

À Berlin, création du Fonds Doubnov en vue d'éditer l'*Algemeyne entsiklopedye* (Encyclopédie générale) yiddish en 10 volumes.

**1933**

Hitler prend le pouvoir en Allemagne. Début des persécutions anti-juives et de l'émigration massive des Juifs hors de l'Allemagne, entre autres vers la France. Tsherikover transfère à Paris la section historique du YIVO.

היטלער קומט צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד. אָנהייב פֿון רדיפֿות אויף ייִדן און פֿון אַ מאַסיווער אויסוואַנדערונג פֿון ייִדן פֿון דײַטשלאַנד, צווישן אַנדערע קיין פֿראַנקרײַך. טשעריקאָווער פֿירט אַריבער קיין פּאַריז די היסטאָרישע סעקציע פֿון ייִוואָ.

**1934**

דער דובנאָוו־פֿאָנד, וואָס איז אַריבער קיין פּאַריז צוליבן מצבֿ אין דײַטשלאַנד, גיט אַרויס דעם ערשטן באַנד אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע.

Le Fonds Doubnov, transféré à Paris par suite de la situation en Allemagne, publie le premier volume de l'*Algemeyne entsiklopedye*.

**1935**

En Allemagne : lois de Nuremberg.

אין דײַטשלאַנד : די נירנבערגער געזעצן.

**1936**

דער שרײַבער דניאל טשאַרני, וואָס איז אַוועק פֿון בערלין אין 1934, באַזעצט זיך אין פּאַריז.

L'écrivain Daniel Tsharni, qui a quitté Berlin en 1934, s'installe à Paris.

**1937**

À Paris, tenue (en septembre) de l'Alveltlekher yidisher kultur-kongres (Congrès mondial de la culture yiddish) promu par la gauche communiste et présence d'un Pavillon yiddish à l'Exposition universelle (mai-novembre). Publication d'un guide touristique de Paris en yiddish, ainsi que du volume IV de l'*Algemeyne entsiklopedye*.

צוויי וועלט־געשעענישן אין פּאַריז : דער פּראָ־קאָמוניסטישער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס (אין סעפּטעמבער) און דער ייִדיש־פּאַוויליאָן אויף דער אוניווערסאַלער אויסשטעלונג (מײַ–נאָוועמבער). ס׳גייט אַרויס אַ וועגווײַזער איבער פּאַריז אויף ייִדיש און דער 4טער באַנד פֿון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע.



4.




6.

**1938**

אין סעפּטעמבער : מינכענער אָפּמאַך. דעם 9טן און 10טן נאָוועמבער : פּאָגראָמען אין דײַטשלאַנד.

En septembre, accords de Munich. 9 et 10 novembre : pogroms contre les Juifs en Allemagne.

**1939**

Hersh Fenster fonde à Paris l'association d'entraide Foyer amical pour les réfugiés juifs fuyant le nazisme. Parution du premier volume de la série *Yidn* (Juifs) de l'*Algemeyne entsiklopedye*, consacrée aux divers aspects de la vie, de l'histoire et de la culture juives. 1[er] septembre : début de la deuxième guerre mondiale.

הערש פֿענסטער גרינדט אין פּאַריז דאָס ייִדישע ווינקל, אַ געזעלשאַפֿט צו העלפֿן ייִדישע פּליטים פֿון דײַטשלאַנד. עס דערשײַנט דער ערשטער באַנד פֿון דער סעריע ייִדן פֿון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע, אָפּגעגעבן פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿונעם ייִדישן לעבן, געשיכטע און קולטור. דעם 1טן סעפּטעמבער : אָנהייב פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

**1940**

טשעריקאָווער פֿאָרט אַוועק פֿון פֿראַנקרײַך און פֿירט אַריבער די היסטאָרישע סעקציע פֿון ייִוואָ קיין ניו־יאָרק. מײַ–יוני : דײַטשישע אָפֿענסיווע קעגן פֿראַנקרײַך. סוף יוני : אַרײַנמאַרש פֿון דער דײַטשישער אַרמיי אין פּאַריז. אָנהייב פֿון דער אָקופּאַציע פֿון פֿראַנקרײַך.

Tsherikover quitte la France et transfère la section historique du YIVO à New York. Mai-juin, offensive allemande contre la France. En juin, les troupes allemandes entrent à Paris. Début de l'Occupation.




5.

1. Leyb Kvitko, *1919* (Berlin, 1923 ; détail de la couverture de Yoysef Tshaykov).
לייב קוויטקאָ, 1919 (בערלין, 1923 ; פֿראַגמענט פֿון דער הילע פֿון יוסף טשײַקאָוו).
2. Logo des éditions berlinoises Wostok.
דער עמבלעם פֿונעם בערלינער פֿאַרלאַג וואָסטאָק.
3. Une coopération Berlin-Paris pour les éditions berlinoises Funken (1926).
אַ מיטאַרבעט צווישן בערלין און פּאַריז, בערלינער פֿאַרלאַג פֿונקען (1926).
4. Art préhistorique, illustration de l'*Algemeyne entsiklopedye* (Encyclopédie générale, Vol. III, Paris, 1936).
פּרעהיסטאָרישע קונסט, אילוסטראַציע אין דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע (ב׳ 3, פּאַריז, 1936)
5. Une publicité dans le guide de Paris en yiddish (Paris, 1937).
רעקלאַמע אין ייִדיש האַנטבוך פּאַריז (פּאַריז, 1937).
6. Hebdomadaire *Hebdo-Paris* (1935).
וואָכנבלאַט פּאַריז (1935).
7. Logo de l'*Algemeyne entsiklopedye*.
עמבלעם פֿון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע.